# סעודה שלישית פרשת ויגש ה'תשס"ט

**און שלש'סעודות, רעוא דרעוין, האט מוהרא"ש שליט"א געשמועסט גיוואלדיגע מורא'דיגע דיבורים אויפן רבינ'ס ווערטער אין ספה"ק ליקוטי מוהר"ן חלק א' סי' ב', וואס רעדט פון תפילה און פון תיקון הברית, עיין שם.**

און מוהרא"ש שליט"א האט אנגעהויבן און געזאגט - זאגט דער רבי ז"ל (מוהרא"ש שליט"א האט איבערגעחזר'ט אויף איין נקודה אחת פונעם רבינ'ס תורה), **דער עיקר געווער פון משיח איז תפלה. און דאס ב'דארף ער קריגן דורך די בחינה פון יוסף, ד. ה. שמירת הברית, אזוי ווי עס שטייט** (תהלים מ"ה): **"חגור חרבך על ירך" [זאלסטו דיך אנגארטלענען מיט דיין שווערד אויפן ירך] און אזוי ווי עס שטייט** (תהלים קל"ב): **"מפרי בטנך אשית לכסא לך" [פון דיין בויך-פרוכט וועל איך שטעלן איינער זאל זיצן אויף דיין שטיל], דאס איז די בחינה פון משיח, די בחינה פון תפלה, און דער פסוק זאגט ווייטער - "אם ישמרו בניך בריתי" [אויב דיינע קינדער וועלן היטן מיין בונד-ברית], ד. ה. דורך די בחינה יוסף וואס איז געווען שמירת הברית וכו'; זעה דאס אלם אינעם רבינ'ס ווערטער.**

און מוהרא"ש שליט"א האט מסביר געווען, אז דער עיקר עבודת התפילה ווענדט זיך ווי מען האלט אין 'תיקון הברית' וואס דאס איז דעם תיקון המוחין. ווען א מענטש האט אן לויטערע און ריינע מוח, דאוועגט ער מיט גרוים התלהבות און מיט אן אמת'ע דביקות, און ער שפירט א ווינדערליכע געשמאקייט ביים דאווענען און יעדער דיבור. אבער דער וואס איז נישט אפגעהיטן אין דעם, קען ער נישט פלאמען ביים דאווענען, און ער שפירט גאר א ביטערקייט און יעדער דיבור ביים דאווענען (ליקוטי מוהר"ן חלק א' סי' נ'), ווייל די ברית פונעם גוף איז אנטקעגן די ברית פונעם מויל (ספר יצירה),

און ווי א מענטש איז זוכה צו דער תיקון הברית – אזוי איז ער זוכה צו א ריינע מויל, און אלע זיינע דיבורים זענען מיט א גרויסע קדושה, ווייל פון זיין מויל ווערט ארויסגעוויזן זיין בייהאלטענע קלוגשאפט, און אזוי ווי עס שטייט (משלי ב׳) מפיו דעת ותבונה. אבער דער פגום רח״ל האט א מיאוס׳ע לשון, און פון זיינע דיבורים קען מען וויסן וואס ער האט אין דער הארץ. און אזוי ווי דער רבי זאגט (ספר המדות אות ניבול פה סי׳ א׳) דער וואס רעדט ניבול פה, איז באווסט אז זיין הארץ טראכט שלעכטע מחשבות. דעריבער די גאנצע עבודה פון א מענטש דארץ צו זיין, זיך אוים ארבעטן ער זאל זוכה זיין צו האבן אן לויטערע מוח – און אסאך בעטן דער באשעפער דערויף, ער זאל זוכה זיין צו הייליגע געדאנקען ער זאל נישט צו קומען צו פגם הברית חס ושלום. און אפילו אז תפילה אליין איז דאך תלוי אין תיקון הברית, און טאמער ער האט דאס נישט פאראכטן קען ער דאך נישט דאווענען, אויב אזוי, פון וו איז דער אנפאנג. ענטפערט רבי נתן ז״ל (ליקוטי הלכות קריאת שמע הלכה ד׳), אז דער טיר איז אייביג אפן ביי די אמונה, און ווען ער גלייבט באמונה שלימה אז דער אייבישטער קען איהם העלפן צו זוכה זיין צו תיקון הברית, און ער גלייבט אויך אינעם צדיקים׳ס דיבורים וואס זענען איהם מעורר דערצו און צו עבודת התפילה, און ער בעט אסאך ער זאל זוכה זיין דערצו – דאס אליין וועט איהם צו ברענגען צו תיקון הברית און צו תיקון המוחין, און דעמאלם וועט ער זוכה זיין דאווענען מיט גרוים התלהבות און געשמאק.

און דאס איזו וואס דער רבי ברענגט (ליקוטי מוהר״ן חלק א׳ סי׳ ל״ז), אז תיקון המוח הענגט אין תיקון הברית, אזוי ווי עס ווערט געברענגט אין זוה״ק (משפטים ק״י.) סילוקא דיסודא עד אבא ואימא – אז דעם ארויפגאנג פון די מידה – יסוד, וואס איז תיקון הברית, קומט אן ביז די מוחין וואס ווערן אנגערופן ׳אבא ואימא׳, וואס זיי זענען די ספירות פון ׳חכמה ובינה׳, ווייל ווען א מענטש איז זוכה צו שמירת הברית, דעמאלם מאלט ער

breslevcity.co.il

כביכול דער באשעפער'ס ליכטיגקייט צום גוטנ'ס, און פון אלעם זעהט ער נאר לעכטיג אין לעבעדיג (חיות), און ער איז זיך ממש מתענג אויף נועם זיו השכינה, אביער דער וואס איז פוגם אין ברית, חס ושלום, איז ער מצייר דעם אור וואס קומט אראפ פון אויבן צו שלעכטין, און ער זעהט נאר פינסטערקייט, און א פארוואלקענע טונקעלקייט און רחמנא ליצלן, זיין לעבן ווערן פארשאלטן. און דער עיקר תיקון זיינער איז, דורך דעם וואס ער דערנענט זיך צו אן אמת'ן צדיק וואס מאכט אויף די מענטשנ'ס אויגן זאלן קענען זעהן געטליכקייט, און ער מאכט אויף זייערע מעהלער צו רעדן מיט'ן אייבישטער. ווייל דאס איז דער עיקר עבודה פון א צדיק אגאנץ לעבן זיינע, צו באלייכטן די באשעפענישן מיט דעם געטליכע ליכטיגקייט און זיי מעורר זיין צו תפלה, און יעדער וואס הערט זיין קול, וועט א וודאי זוכה זיין צו עבודת התפילה, און זיך מדבק זיין מיט אן אמת צום אייבישטער, וואס דאס איז די טייטש פון די משנה (תרומות א'): סתם חרש אינו שומע ואינו מדבר - סתם א טויבער איז דער וואס ער איז אן "אינו שומע" – ער הערט נישט די התעוררות פונעם צדיק, איז דעריבער "ואינו מדבר" – רעדט ער נישט צום אייבישטער, אבער פארקערט ווען ער הערט די התעוררות פונעם צדיק און ער פאלגט איהם, וועט ער א וודאי רעדן אסאך צום אייבישטער, ווייל דאס וועגט זיך אין דעם (ליקוטי מוהר"ן חלק א' סי' ס'). וואויל איז דער וואס איז זוכה צו מקורב ווערן צו אן אמת'ן צדיק וואס האלט ביי תיקון הברית און דערוועקט זיינע לייט זיי זאלן עוסק זיין תמיד אין תפילה, וועט ער זוכה זיין דורך איהם צו א גוטע האפענונג, ארויף צו גיין און זיך מדבק זיין אינעם אייבישטער מיט א אייביגע דבקות - אשרי לו ואשרי חלקו.

און די וואכעדיגע סדרא טרעפן מיר, אז עס שטייט (בראשית מ"ה), **והנה עיניכם רואות ועיני אחי בנימין כי פי המדבר אליכם.** דארף מען פארשטיין דער קשר פון

breslevcity.co.il

אנפאנג פסוק צו זיין אויסלאז. דער פסוק הייבט אן מיט די אויגן קוק, און ער איז מסיים מיט'ן דיבור פונעם מויל.

אבער לויטן רבינ'ס ווערטער איז דאס גוט פארשטענדליך, ווארום יוסף הצדיק איז דער צדיק האמת וואס ער האלט ביי די שלימות'ע תיקון הברית, דעריבער האט ער אויך געהאט די שלימות הדיבור פון לשון קודש וואס ווענדט זיך אין תיקון הברית, ווייל ברית הלשון איז מכוון קעגן ברית המעור, דערפאר האט יוסף הצדיק גיהאט דער כח אלעמען מגלה זיין די אמת'ע געטליכעווירקליכקייט, און באלויכטן זייערע אויגן אין אור אלוקות וואס שיינט אויף דער גאנצע וועלט.

אין דאס איז - **והנה עיניכם רואות ועיני אחי בנימין**, זעהט! אז פון ווען איהר זענט צו מיר אנגעקומען אייערע אויגן האבן אנגעהויבן צו זעהן דער כבוד פון באשעפער וואס באלייכט אין דער גאנצע וועלט אזוי ווי עס שטייט - (יחזקאל מ"ג) והארץ האירה מכבודו – און דאס וואס רש"י טייטש - **והנה עיניכם רואות**, "בכבוד ווייל דער כבוד פון יוסף הצדיק איז געווען מגלה צו זיין דער כבוד פונעם אייבישטער – אזוי ווי עס שטייט (בראשית מה פסוק ט') **שמני אלקים לאדון לכל מצרים וגו'** – איך האב מגלה געווען אז "**אלקים**" איז א הער (א אדון) צו גאנץ מצרים, און איהר זאלט ווייסן! אז צו דעם אלעמען האב איך זוכה געווען צו שמירת הברית, וואס דאס איז וואס רש"י ברענגט - "שאני מהול ככם", אזוי ווי עס שטייט אין זוהר הקדוש (בראשית צ"ג.) אויפן פסוק (בראשית מ"ה פסוק ד') **גשו נא אלי ויגשו**, 'ער האט זיי געוויזן אז ער איז געמל'ערט', מיט דעם האט ער זיי געזאגט, אז צו די גרויסער כבוד האב איך זוכה געווען ווייל איך האב געהיטן דעם ברית קודש, עיין שם. און נאך, **כי פי המדבר אליכם**, און רש"י זאגט, "בלשון הקודש", ווייל דורך שמירת הברית האב איך זוכה געווען צו קדושת הלשון, וואס ביידע זענען תלוי זה בזה, און איך האב דער כח צו

breslevcity.co.il

מעורר זיין די מענטשן צו עבודת התפילה און צו דביקות השם יתברך, קומט אוים, אז ס'גאנץ גוט פארשטענדליך דער המשך פונעם פסוק - **והנה עיניכם רואות ועיני אחי בנימין** – זעהט'ם אז ענקערע אויגן האבן אנגעהויבן צו שיינען, און דאס איז ווייל - **כי פי המדבר אליכם**, אז איך האב דער כח און מייל מויל מעורר זיין די בריות צו תיקון הברית און צו עבודת התפילה, און דאס איז א איבערצייגונג אויף די קדושה פונעם צדיק האמת, וואס זיין גאנצע עבודה איז נאר צו מגלה זיין דער כבוד פון השם יתברך אויף דער וועלט.

און דאס איזו ואס דער מדרש ברענגט (בראשית רבה פרשה צ"ג סי' י"א) אויפ'ן פסוק (בראשית מ"ה פסוק ג') **ויאמר יוסף אל אחיו אני יוסף העוד אבי חי, ולא יכלו אחיו לענות אותו כי נבהלו מפניו**, רבי אלעזר בן עזריה אמר, אוי לנו מיום הדין אוי לנו מיום התוכחה, ומה יוסף הצדיק שהוא בשר ודם, כשהוכיח את אחיו לא יכלו לעמוד בתוכחתו, הקדוש ברוך הוא שהוא דיין ובעל דין ויושב על כסא דין ודן כל אחד ואחד, על אחת כמה וכמה שאין כל בשר ודם יכולים לעמוד לפניו, עיין שם.

דארף מען דאך פארשטיין, ווי טרעפן מיר אז יוסף הצדיק האט מוכיח געווען זיינע ברודער? שטייט דאך נאר - **ויאמר יוסף אל אחיו אני יוסף העוד אבי חי** – און גלייך - **ולא יכלו אחיו לענות אותו כי נבהלו מפניו** – און וואס איז געווען זיין תוכחה?

אבער דורך דעם איז אלעם פארשטענדליך, ווייל גלייך ווען יוסף האט זיי געזאגט - **אני יוסף**, און ער האט זיי געוויזן אז ער איז מהול, און אז ער האלט אין קדושת הברית אויך ווען ער איז געווען גאר טיף אין ערות מצרים, איז א ודאי 'נבהלו מפניו מפני הבושה', אזוי ווי רש"י טייטש, ווייל זיי האבן זיך געשעמט פון זיין גרויסע השגה, ווייל קיינער האט זיך נישט געקענט זיך פארגלייכן צו זיין געוואלדיגע

breslevcity.co.il

דערגרייכונג, און צו זיין תיקון הברית.

אבער גלייך דערנאך האט ער זיי מקרב געווען, און ער האט גערעדט צו זיי אויף לשון הקודש, און ער האט זיי באוויזן די וועג אנצוקומען דערצו, וואס דאס איז **ויאמר יוסף אל אחיו גשו נא אלי ויגשו**, און רש"י טייטש, ראה אותם נסוגים לאחור, אמר, עכשיו אחי נכלמים, קרא להם בלשון רכה ותחנונים, והראה להם שהוא מהול, עיין שם.

ווייל יוסף האט געזעהן אז די ברודער ציהען זיך צוריק פון בושה ווייל זיי זענען נישט אנגעקומען צו זיין השגה, אבער ער האט נישט געוואלט אז זיי זאלן זיין געפאלן ביי זיך, און זיי וועלן זיך מייאש זיין אנצוקומען צו זיין קדושה, חס ושלום, ער האט נאר געוואלט א די בושה זאל זיי זיין צו א גוטע תוכחה, און זיך מחזק זיין אנצוקומען צו די שלימות הקדושה דורך תפילה והתבודדות.

דעריבער האט יוסף געזאגט - "עכשיו אחי נכלמים" היינט ווען זיי האבן בושה וכלימה, איז א ודאי אן עת רצון זיי מעורר צו זיין צו שלימות לשון הקודש און צו עבודת התפילה. דערפאר - "קרא להם בלשון רכה ותחנונים", אז ער האט זיי אויסגעלערנט די וועג פון לשון הקודש, און צו תפילה ותחנונים, "והראה להם שהוא מהול", אז אלעס איז תלוי אין תיקון הברית און אין תיקון המוחין, און דורך זיין הייליגע תוכחה, און ער האט באלויכטן זייערע אויגן אין אור אלקותו יתברך, און ער האט זיי מקשר געווען צו זייערע מדריגה.

און שם יתברך זאל אונז מזכה זיין אנצוקומען צו תיקון הברית און צו תיקון המוחין מיט אן אמת, און מיר וועלן זוכה זיין תשובה צו טאהן פארן אייבישטער, בי זמיר וועלן זוכה זיין נכלל צו ווערן אינעם אייבישטער, מעתה ועד עולם אמן ואמן.

*הערה: השיחה הזאת (ואחרות) נכתבה כמהדורא קמא, ויתכן בה טעותים שונים הן בסגנון והן בשיבושים, נא לדון לכף זכות, ולהעיר הערות, למען נתקן בעתיד, בע"ה.*

breslevcity.co.il

breslevcity.co.il